**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט געדאפלטע WIC בענעפיטן אויף פארמערס' מארקעטס דעם זומער**
**אויסצוברייטערן צוטריט צו פרישע עסנווארג פאר ניו יארק פאמיליעס**

***פאמיליעס וואס נעמען אנטייל אין די ספעציעלע סופלימענטאל ערנערונג פראגראם פאר פרויען, ניי-געבוירענע, און קינדער (WIC) קענען באקומען ביז $50 אין קופאנס פאר יעדע באטייליגטע צו פארגרעסערן דעם עסנווארג בודזשעט און קויפן געזונטע, לאקאלע פראדוקטן צו שפענדן ביי באטייליגטע פארמער'ס מארקעטס***

***WIC פארמערס' מארקעט ערנערונג פראגראם בענעפיטן העלפן אויסברייטערן צוטריט צו עסנווארג און דערגרייכן פאמיליעס' ערנערונג צילן בשעת'ן געבן א שטופ פאר ניו יארק פארמערס***

***בויט זיך אויף די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו געבן פאר ניו יארק קינדער געזונטע עסן, נעכטן האט גאווערנער האקול געמאלדן אז די שטאט האט ארויסגעגעבן 200 מיליאן דאלער אין עסנווארג הילף צו איבער 1.5 מיליאן נידריגע-אינקאם קינדער דורך די נייע זומער EBT פראגראם***

***קאמישאנער באל און קאמישאנער מקדאנעלד האבן באזוכן שענעקטאדי פארמערס' מארקעט דעם דאנערשטאג איבערצושמועסן די WIC פארמערס' מארקעט ערנערונג פראגראם, [זעט בילדער פון די געשעעניש]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז פאמיליעס וואס נעמען אנטייל אין די ספעציעלע סופלימענטאל ערנערונג פראגראם פאר פרויען, ניי-געבוירענע, און קינדער ( Women, Infant, and Children, WIC) קענען באקומען דאפלט פון די בענעפיטן צו נוצן ביי באטייליגטע פארמערס' מארקעטס, העלפנדיג צו פארגרעסערן זייער עסנווארג בודשעטן און קויפן געזונטע, לאקאלע פראדוקטן. בארעכטיגטע אינדיווידואלן קענען באזוכן זייער לאקאלע WIC קליניק צו באקומען מערסטנס $50 אין פארמערס' מארקעט ערנערונג פראגראם (FMNP) קופאנס דעם סעזאן. די WIC FMNP פראגראם העלפט אויסברייטערן צוטריט צו עסנווארג און נאכקומען פאמיליעס' ערנערונג צילן בשעת'ן געבן א שטופ פאר ניו יארק פארמערס. די מעלדונג קומט בשעת נאציאנאלע פארמערס' מארקעט וואך, א יערליכע אנערקענונג פון די לאקאלע טרעדיציעס און די קריטישע ראלע וואס זיי שפילן אין קאמיוניטיס.

"די אויסגעברייטערטע בענעפיט איז א וויכטיגע טייל פון אונזער טעגליכע ארבעט פון לייגן מער געלט צוריק אין די טאשן פון פאמיליעס וואס ארבעטן בשעת'ן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו געזונטע, פרישע עסנווארג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכ'ן דאפלען די WIC פארמערס' מארקעט ערנערונג פראגראם בענעפיט די יאר, אפערן מיר מער הילף צו צענדליגע טויזנטער פאמיליעס וואס ציען אויס זייער דאלער נאך מער ביי זייער פארמערס' מארקעט בשעת'ן שטיצן אונזערע לאקאלע פארמערס וואס פלאנצן און געבן ארויס די פרישע עסן וואס איז אזוי קריטיש צו א געזונטע, ערנערונגספולע דיעטע, ספעציעל פאר יונגע קינדער."

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (New York State Department of Agriculture and Markets, AGM), ארבעטן'דיג צוזאמען מיט די ניו יארק סטעיט (Department of Health, DOH), גיבט די FMNP פאר WIC פראגראם. די פראגראם גיבט, ווי אלעמאל, אויס א $25 קיופאן ביכל פאר WIC-בארעכטיגטע באטייליגטע, אבער די סעזאן, דורך א וועיווער וואס AGM האט פארלאנגט און באשטעטיגט דורך די U.S. דעפארטמענט פון אגריקולטור, האט ניו יארק סטעיט באוויזן אויסצוברייטערן די בענעפיטן צו $50 פאר יעדע באטייליגטע.

טראגעדיגע, קימפעטארינס, און מאמעס פון קינדער וואס זייגן, ניי-געבוירענע, און קינדער ביז צו די פינף יאר אלט, וואס זענען איינגעשריבן אין WIC, זענען בארעכטיגט צו באקומען WIC FMNP קיופאנס. די קיופאנס קענען אויך ווערן גענוצט ביי באטייליגטע פארמערס' מארקעטס און די פארעם סטענדס צו קויפן לאקאלע, פרישע גרינצייג, פרוכט, און קאך-געווירצן. קיופאן ביכלעך זענען דא צו באקומען ביי אנטיילנעמענדע [לאקאלע WIC קליניס] אויף א קומט ערשט, באקומט ערשט באזיס. קיופאנס מוזן ווערן גענוצט ביז נאוועמבער 30.

**סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "זייט די פאנדעמיע, האט די דעפארטמענט געטאפלט זייערע באמיאונגען צו פארשטערקערן די לאקאלע עסנווארג סיסטעם, פארגרעסערן צוטריט צו עסנווארג, און פארבינדן מער קוסטומער צו פארמערס צו שטיצן די סטעיט'ס אגריקולטור עקענאמיע. די נייע פראגראם קומט נאך די אלע צילן, עס העלפט אפשטעלן די העכערונג אין עסנווארג פרייזן און מוטיגט בארעכטיגטע פאמיליעס אנצוהאלטן דאס אז זיי עסן געזונטע פרוכט און גרינצייג דורכ'ן איינקויפן ביי זייער לאקאלע באטייליגטע פארמערס' מארקעט, בשעת'ן שטיצן אונזערע פארמערס אין די זעלבע צייט."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישאנער דר. דשעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס געטריישאפט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו ערנערונגספולע עסנווארג איז איינע פון די פילע וועגן וויאזוי די סטעיט ארבעט איבערצוקומען די אומגלייכקייט וואס ווירקט אויף סאציאלע פאקטארן פון געזונטהייט, אריינגערעכנט עסנווארג פארזיכערונג. די פראגראם איז א געוואלדיגע אופן פאר באטייליגטע אין די WIC פראגראם אויסצוברייטערן זייער עסנווארג בודשעט און געבן געזונטע, נערונגס-רייכע מאלצייטן און איבערבייסן פאר זייערע פאמיליעס."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די פארמערס מארקעט פעדעראציע פון ניו יארק דשעק ריפל האט געזאגט,** "די פארמערס מארקעט פעדעראציע פון ניו יארק אפלאדירט גאווערנער קעטי האקול'ס מעלדונג אז מען וועט דאפלען די WIC FMNP בענעפיטן פאר פאמיליעס. די באדייטנדע העכערונג נישט נאר מוטיגט פאמיליעס צו נעמען געזונטערע, לאקאלע פראדוקטן נאר שטיצט אויך ניו יארק'ס געטרייע פארמערס וואס ארבעטן אן אפשטעל איבערצוגעבן פרישע, ערנערונגספולע עסנווארג. דורכ'ן דאפלען די WIC FMNP פראגראם בענעפיט, אינוועסטירן מיר דירעקט אין ניו יארק פאמיליעס און פארמערס. די מעלדונג, וואס קומט דורכאויס נאציאנאלע פארמערס' מארקעט וואך, שטרייכט אונטער גאווערנער האקול'ס אנערקענונג וואספארא באדייטנדע ראלע די פארמערס' שפילן אלס קאמיוניטיס ערטער פון געזונטע עסנווארג. די איניציאטיוו שטעלט א גוטע ביישפיל וויאזוי שטאטישע גאווערמענטן קענען אינוועסטירן אין א מער לעבהאפטיגע לאקאלע עסנווארג סיסטעם צו שאפן פאזיטיווע, אייביגע השפעות. מיר זענען גליקליך צו זען די בענעפיטן וואס דאס וועט ברענגען סיי צו קוסטומער און סיי צו פארמערס לענגאויס ניו יארק סטעיט."

ניו יארק סטעיט - דורך די דעפארטמענט פאר אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets), דעפארטמענט פון געזונטהייט (Department of Health), אפיס פאר די עלטערע (Office for the Aging), און אפיס פון צייטווייליגע דיסאביליטי הילף (Office of Temporary

(Disability Assistance - גיבן מערערע פראגראמען וואס העלפן נידריגע-אינקאם פאמיליעס, אריינגערעכנט די וואס זענען איינגעשריבן אין WIC און אין SNAP, עלטערע ערוואקסענע, און וועטעראנען באקומען צוטריט צו פרישע, געזונטע עסן ביי אנטיילנעמענדע מארקעטס. צו לערנען מער איבער די דעפארטמענט'ס פארמערס' מארקעט פראגראם אדער צו געפינען א מארקעט וואס איז נעבן אייך, באזוכט [agriculture.ny.gov/farmersmarkets](agriculture.ny.gov/farmersmarkets).

ספעציפיש שטיצט די FMNP לאקאלע פראדוצירער דורכ'ן פארמערן זייערע סעילס ביי פארמערס' מארקעטס און פארעם סטענדס און שאפט געזונטע קאמיוניטיס דורך דאס אז מען עסט לאקאלע איינגעפלאנצטע עסנווארג. קוסטומער וואס זענען בארעכטיגט באקומען קיופאנס וואס זיי קענען נוצן פאר פרישע פרוכט און גרינצייג ביי איבער 700 מארקעט לאקאציעס, אריינגערעכנט פארמערס' מארקעטס, פארעם סטענדס, און מאביל מארקעט סטאפס וואס נעמען אנטייל אין די FMNP, געבנדיג געזונטע היים-געפלאנצטע עסנווארג צו קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק.

די היינטיגע מעלדונג בויט זיך אויף א נומער פון עקזיסטירנדע שטאטישע פראגראמען און נייע איניציאטיוון וואס מען האט אנגעהויבן אין די לעצטע צוויי יאר וואס העכערן צוטריט צו עסנווארג אין קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק און שטיצן ניו יארק אגריקולטור. נעכטן, האט די גאווערנער [געמאלדן](#) אז ניו יארק האט ארויסגעגעבן באלד 200 מיליאן דאלאר אין עסנווארג הילף צו מער פון 1.5 מיליאן נידריג-איינקונפט קינדער אלץ טייל פון די נייע זוממער עלעקטראנישע בענעפיטן טראנספער ( Summer Electronic Benefits Transfer) (זוממער EBT) פראגראם. לעצטע יאר, האט גאווערנער האקול געמאלדן א נייע איניציאטיוו צו דאפלען די קויפן קראפט פון די וואס באקומען סופלעמענטעל נוטרישאן הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) ביי פארמערס' מארקעטס לענגאויס ניו יארק סטעיט. די [פרישפארבינדען פרישצואייך (FreshConnect Fresh2You) איניציאטיוו](#) געבט יעצט פאר בארעכטיגטע ניו יארקער א דאלער-צו-דאלער פאר פון ביז $50 א טאג ביי אנטיילנעמענדע פארמערס' מארקעטס, וועלכע ערלויבט פאמיליעס וואס דארפן צו קויפן מער געזונטע עסן, אריינגערעכנט פראדוקטן, מילכיגס, אייער און פליישן.

ניו יארק שטיצט אויך ווייטער אפאר גרונטברעכנדע סטעיט פראגראמען וואס פאקוסירן אויף פארבעסערן צוטריט צו לאקאל געוואקסענע עסן דורך איר 2024-25 ניו יארק סטעיט בודשעט, אריינגערעכנט די ערנער ניו יארק פראגראם, די 30 פראצענט NYS שולע איניציאטיוו אין שולעס, און די פארם-צו-שולע פראגראם. אין צוגאב דערצו, די היי יעריגע בודשעט האט אריינגעומען די צווייטע רונדע פאנדינג אלץ א טייל פון די ראיאנישע שולע אינפראסטרוקטאר פאנד, וואס טוט צושטעלן $50 מיליאן איבער פינעף יאר צו לאקאלע שולע דיסטריקטס צו שטיצן קאכן פאסיליטיס וואס פירן צו דאס נוצן פון פרישע ניו יארק סטעיט פארם פראדוקטן ביים צוגרייטן מאלצייטן פאר K-12 שולע קינדער.

די אינוועסטירונגען בויען אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו טרייבן פארלאנג פאר ניו יארק אגריקולטורישע פראדוקטען, שטיצן ניו יארק'ס עסן סופליי טשעין און פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קענען פראדוצירן און האבן צוטריט צו פרישע, לאקאלע עסן. דאס רעכנט אריין די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו באפעל 32 פאראדערנדיג סטעיט אגענטורן צו פארגרעסערן די פראצענטן פון עסנווארג וואס ווערט איינגעקויפט פון ניו יארקע פארמער און פראדוצירער צו 30 פראצענט פון זייערע סך הכל איינקויפונגען ביז פינף יאר און באדייטנד צו העכערן די סומע וואס סקולס קענען אליין באשליסן צו אויסגעבן אויף לאקאלע עסנווארג און עסנווארג פראדוקטן פון $20,000 צו $150,000. עס נעמט אויך אריין די פארמערס' מארקעט שטאנדהאפטיגקייט טיילונג פראגראם ( Farmers' Market Resiliency Grant program), די שטאטישע פארעמער און קאמיוניטי גארטנס פראגראם, און א $10 מיליאן גרענט פראגראם צו שטיצן דאס אוועקשטעלן פון פארם מארקעטס, סופערמארקעטס, עסן קאאפערטיוווס, און אנדערע ענדליכע ריטעיל עסן געשעפן, ווי אויך זיי צו שטיצן מיט אינפרעסטרוקטור אין קאמיוניטיס און ראיאנען אינעם שטאט וואס ווערן נישט גענוג סערוויירט.

לערן איבער די דיפארטמענט'ס פראגראמען און איניציאטיוון פאקוסירט אויף צושטעלן נייע מארקעטס פאר פארמער, פארמערן עסן צוטריט צו קאמיוניטיס וואס ווערן נישט גענוג סערווירט, און בויען געזונטערע קאמיוניטיס.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן